# פראָפעסאָר אייזיקס אין תלמוד תורה

דר. אייזיקס איז פראָפעסאָר פון סעמיטישע שפּראַכען אין נויארק יוני־ווערסיטי דר. אבראמאָוויטש האָט איהם געבראכט פון נויארק ער זאָל לעקטשו־רען פאר דיא „יאנג פּיפּעל" סאסייטי פון זיין שוהל ביי דיעזע געלע־גענהייט האָט ער בעזוכט דיא תלמוד תורה, עקזאמינירט דיא קלאסען סיסטע־מאטיש און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג אין דיא פאָלגענדע צייל׳ען

---

עס איז געווען א גייסטיגעס פערגעניגענד, צו פערברייננגען א האלבען טאָג אין באראן דע הירש אינסטיטוט בייצוואוואהנען דיא אויסגעצייכענטע פעהיגקיי־טען וועלכע דיא שילער פון דיא פערשידענע קלאסען אונטער דיא אויפזיכט פון רעוו. משה אלימלך לעווין, האָבען געציינט אין ערלערנען דיא העבראאישע שפּראך. עס איז ווירקליך אויסער ארדענטליך גוט. עס איז שווער צו געפינען אזא גלייכען, וויינינסטענס צווישען דיא קינדער שוהלען וואס איך האָב ביז יעצט געזעהן, עס איז צו בעוואונדערען דיא קינדער׳ס פאמיליאריטעט אין העב־רעאיש אלס שפּראך, אין אלטעגליכען געברויך, אזוי גוט וויא אין דאוונען. בע־טראכטענדיג דיעזע זאכען און בעמערקענדיג דיא ליעבע און אכטונג וואס די קינדער צייגען צו אונזערע אידישע למודים האָבען געמאַכט מיין בעזוך אויסער ארדענטליך אינטערעסאנט

אברהם ש. אייזיקס

נויארק יוניווערזיטי

מאָנטרעאל דזשון דעם 20-טען.

נ.ב. דער אריגינאל פון דיעזען בריעף איז געשריבען אין ענגליש, דאס איז בלויז דיא איבערזעצונג

עס געפונען זיך ביי אננז נאך פיעלע בריעף. פון פראמינענטע מענער, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט און בעוואונדערונג אין שריפט. נור צוליעב די הוצאות הדפוס קאָנען מיר זיי ניט געבען צום דרוק.